# ״די גאָלדענע קייט״ און איר רעדאַקטאָר, אַברהם סוצקעווער

## אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט

אַברהם סוצקעווער



אויפֿן וועג פֿון מאָסקווע קיין ארץ־ישׂראל, אין 1946, האָט אַברהם סוצקעווער זיך אָפּגעשטעלט אין וואַרשע. דאָרטן, אויפֿן גענשער בית־עולם, בײַם אוהל־פּרץ מיט דער אויפֿשריפֿט ״מיר שטאָלצע, שבת־יום־טובדיקע ייִדן״, פֿון פּרצעס דראַמע ״די גאָלדענע קייט״, האָט איפֿגעבליצט דער געדאַנק צו שאַפֿן אַ ייִדישן זשורנאַל, וואָס זאָל טאַקע הייסן: די גאָלדענע קייט.

דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער געבראַכט אַהער אין לאַנד, אין אײנעם מיט דער שווערער משׂא וואָס ער האָט געטראָגן אין זײַן האַרץ און אין זײַן מוח, אין אײנעם מיט די רויכעס און שאָטנס פֿון זײַן חרובֿ געוואָרענער ייִדנשטאָט ווילנע.

ער האָט געהאַט די זכיה אָט דעם געדאַנק דאָ צו פֿאַרפֿלאַנצן, אים צו כאָוועז און קלײַבן זײַנע פּירות. די גאָלדענע קייט איז געוואָרן זײַן לעבנסווערק ניט ווינציקער ווי זײַן פּאָעטישע יצירה און זײַן נאָמען וועט אויף אײביק בלײַבן צונויפֿגעגאָסן מיטן נאָמען פֿון אָט דעם יחיד־במינודיקן זשורנאַל, וואָס האָט קיין גלײַכן ניט אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

זײַן געבענטשטע אינטויציע האָט אים אונטערגעזאָגט צו קומען אַהער, אין אַ צײַט ווען אַנדערע ניצול־געוואָרענע ייִדישע שרײַבערס האָבן געזוכט אַ מקום־מנוחה אין אַמעריקע, ווו די ייִדיש־אילוזיע האָט נאָך געשפּילט אין באַהעלטעניש מיטן גורל און צוגעזאָגט גאָלדענע בערג.

זכות־ווילנע איז בײַגעשטאַנען סײַ אים סײַ דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָרעם ער וואָלט אין ערגעץ אויף דער וועלט ניט באַוויזן צו געשטאַלטיקן דעם זשורנאַל ווי ער האָט עס געטאָן דאָ, אין ישׂראל.

אַגבֿ איז הײַנט, נאָך איבער פֿערציק יאָר, קיין ספֿק ניט, אַז ער, אַברהם סוצקעווער, איז געווען דער אײנציקער ייִדישער שרײַבער אויף דער וועלט, וואָס האָט געהאַט דעם גײַסטיקן און מאָראַלישן כּוח אויסצושמידן אַזאַ זשורנאַל ווי די גאָלדענע קייט.

ס׳איז געווען אַ זעלטענע שעת־הכּושר, וואָס ערשט שפּעטער כאַפּט מען זיך, אַז דאָס איז אין דער אמתן, אָן קיין שום גוזמאות, אַ היסטאָריש געשעעניש. אין משך פֿון יאָרן באַקומט אַזאַ געשעעניש דעם אַראָמאַט פֿון סימבאָל, פֿאַרוואַנדלט זיך אין דער אײדעלער סובסטאַנץ, פֿון וועלכער עס ווערט אויסגעשפּונען די קולטור־געשיכטע פֿון אַ פֿאָלק.

איטלעכער פּרט וואָס האָט געהאַט אַ שײַכות צו אָט דעם געשעעניש איז געווען אָנגעלאָדן מיט גורל. דער צופֿאַל אַלײן איז אויך געווען גורל. צײַט און אָרט און מענטש האָבן זיך פֿאַרפֿלאָכטן אין אײן גנאָדיקער גאַנצקייט.

די גאָלדענע קייט האָט זיך אַרײַנגערינגלט אין דעם גרויסן אָנהייב פֿון תש״ח און איז געוואָרן אײנער פֿון זײַנע חידושים. אין יענע דערהויבן־טראַגישע טעג האָט אַברהם סוצקעווער, באַלד נאָך זײַן קומען אין לאַנד, זיך פֿאַרמאָסטן צו פֿאַרוואַנדלען אין אַ ממשות זײַן ווידיע, וואָס האָט אויפֿגעבליצט בײַם אוהל־פּרץ אין וואַרשע. און די ווידיע איז געווען דורכגעדרונגען מיט ווילנער ייִחוס און ווילנער אויטאָריטעט.

סוצקעווער האָט געפֿילט, אַז דער ייִדישער זשורנאַל וואָס דאַרף דאָ געבוירן ווערן מוז טאַקע זײַן אַ המשך פֿון דער קייט וואָס איז דאָרטן אַזוי

אַכזריותדיק איבערגעריסן געוואָרן, אָבער ער מוז אויך זײַן דורכויס אַנדערש. ער טאָר ניט אַרויסגיין ווי עפּעס אַ זײַטיקער ענין, אַבי יוצא־זײַן. ער טאָר זיך ניט באַווײַזן אין קיין בטלנישן הולך און טאָר ניט אויסשטרעקן די האַנט נאָך אַ נדבה. דעריבער האָט ער זיך געוואָנדן צו דעם באַדײַטנדיקסטן געזעלשאַפטלעכן כּוח אין לאַנד, צו דער הסתּדרות, די זאָל נעמען אויף זיך דאָס אַחריות אַרויסצוגעבן די גאָלדענע קייט.

בראש פון דער הסתּדרות איז דעמאָלט געשטאַנען יוסף שפּרינצאַק, וואָס האָט זיך אַליין אויף קאַטאָוועס אָנגערופן "העברעיִשער בונדיסט", מחמת זײַן קנאותדיקן קאַמף אײַנצוואָרצלען די העברעיִשע שפּראַך אין ארץ־ישׂראל. און יוסף שפּרינצאַק, דער קלוגער, האַרציקער ייִד, האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דער גורל האָט אים מזכּה געווען מיט אַן איינמאָליקער עליה. און ער האָט טאַקע געלייגט דעם פּראַקטישן יסוד פאַר דער גײַסטיקער וויזיע פון אַברהם סוצקעווער.

☆

סוצקעווערס פּערזענלעכקייט האָט בלי־ספק געשאַפן אַ גינציקע שטימונג פאַר זײַן פּראָיעקט. ער האָט געטראָגן דעם אָרעאָל פון נס און פון גבורה, און דער קבלת־פּנים צו וועלכן ער האָט דאָ זוכה געווען האָט, אַחוץ אינטימער ייִדישער האַרציקייט, אויך פאַרמאָגט אַלע סימנים פון אַ מלוכישן מעמד.

פון דעסטוועגן — כּדי אַרויסצוגעבן דעמאָלט, אין 1948, אַ צענטראַלן ייִדישן זשורנאַל, האָט מען געדאַרפט צוואַליען אידעאָלאָגישע מויערן, וואָס זענען פאַר אַ היפּשן טייל פון דער היגער אינטעליגענץ נאָך געווען אין דער בחינה פון תּורת משה מסיני.

אויף מאָגערע, פּעריפערישע פּובליקאַציעס אין ייִדיש האָט מען זיך ניט אומגעקוקט. זיי האָבן זיך ניט געוואָרפן אין די אויגן. אָבער אַ לײַטישער, מאָדערנער ייִדישער זשורנאַל, אויף אַ מלוכישן מאַשטאַב, האָט נאָך קיין סך חסידים ניט געהאַט צווישן די אָרטיקע אַריסטאָקראַטן.

דאָס אײַנרעדעניש אַז ייִדיש איז כּלומרשט אַ סכּנה פאַר העברעיִש איז נאָך געשטאַנען ווי אַ סטראַשידלע אין אַ ליידיקן גאָרטן. די ייִדיש־וועלט איז שוין געלעגן פאַרברענט און פאַרוויסט, און דער גרעסטער טייל פון די ניצול־געוואָרענע האָבן זיך געלאָזט גיין ווו די וועלט האָט אַן עק, זייערע פיס זאָלן ניט מער טרעטן אויף דער ערד פון די אַמאָליקע היימען.

פון דער סוצקעווער־לעגענדע זענען דווקא אַלע נתפּעל געוואָרן. אַפילו די קעגנערס פון ייִדיש האָבן זיך געפילט אַ ביסל שטאָלץ, וואָס די סאָוועטישע מאַכט האָט געשיקט אַ ספּעציעלן עראָפּלאַן איבער די דײַטשישע ליניעס, כּדי פון די וועלדער אַריבערצופירן קיין מאָסקווע דעם פּאָעט־פּאַרטיזאַן אַברהם סוצקעווער. מ׳ האָט זיך אויך געפילט שטאָלץ מיט זײַן אויפטרעטן ווי אַן עדות אויפן נירנבערגער פּראָצעס קעגן די נאַצישע פאַרברעכערס. זײַנע באַגעגענישן מיט איליאַ ערענבורג און באָריס פּאַסטערנאַק האָבן אויך געמאַכט אַ רושם: אָבער אַרויסגעבן אַ ייִדישן זשורנאַל אין ישׂראל, און דווקא ניט אויף קיין "גלותדיקן" שטייגער, נאָר מיט אַ גרויסוועלטישן ראַזמאַך — דאָס האָט מען שווער געקאָנט אַראָפּשלינגען. קעגן אַזאַ "עוולה" האָט מען געזאַמלט חתימות בײַ העברעיִשע לערערס, מ׳האָט געסטראַשעט און געוואָרנט און געשלאָגן טרעוואָגע.

די געבורט פון די גאָלדענע קייט איז קיינעם ניט גרינג אָנגעקומען. סוצקעווער האָט געשריבן (לכּבוד דעם הונדערטסטן נומער פונעם זשורנאַל), אַז יוסף שפּרינצאַק האָט דורכגעפירט דעם פּראָיעקט "מיט אַ סך טאַקט און מיט אַקטיווער חכמה". און שפּרינצאַק אַליין האָט אין זײַן באַגריסוואָרט צום ערשטן נומער זייער באַדאַכט, מיט ייִשוב־הדעת, פאַרענטפערט די החלטה פון דער הסתּדרות: "דאָס אַרויסגעבן אַ זשורנאַל אויף ייִדיש — שרײַבט ער דאָרטן — דורך די זעלבע כּוחות וואָס האָבן אַזוי קנאותדיק געקעמפט און אײַנגעוואָרצלט די שליטה פון העברעיִש אין ארץ־ישׂראל אויף אַלע געביטן פון לעבן און שאַפונג — [זאָל] ניט אויסזען ווי אַ סתּירה צו דעם וואָס האָט געהערשט און איז אָנגענומען ביז איצט".

ער סטאַרעט זיך ווײַטער צו איבערצײַגן די קעגנערס, אַז ס׳איז אַריבער די צײַט פון פּאָלעמיק צווישן די צוויי לשונות און ס׳איז סוף־כּל־סוף קלאָר, "אַז דער קאַמף פאַר העברעיִש איז בשום־אופן ניט געווען אַ קאַמף קעגן ייִדיש, נאָר — צו זיכערן דעם פאָלק אַ מדינה, אַ היים און אַן אייגענע שפּראַך און קולטור, וואָס פאַראייניקט אַלע טיילן פון ייִדישן פאָלק".

כּדי אײַנצולייגן די פּסיכאָלאָגישע מחיצה צווישן די כּלומרשטע צוויי מחנות, האָט אויך געדאַרפט ווערן קלאָר, אַז די גאָלדענע קייט איז ניט געקומען זיך פאַרמעסטן צר־להכעיסדיק מיט העברעיִש, און אַוודאי ניט אויפן חשבון פון חורבן. און דער זשורנאַל האָט טאַקע פון סאַמע אָנהייב באַוויזן ווי אַבסורד ס׳איז בעצם די קעגנערשאַפט און די שׂינאה צו ייִדיש.

☆

אין די ערשטע יאָרן האָט אָבער די גאָלדענע קייט פּסיכאָלאָגיש באַפרײַט פון דער קעגנערשאַפט און אָפּגעפרעמדקייט צו ייִדיש גאָר בכבודיקע אינטעלעקטועלע קרײַזן, צווישן זיי אויך פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן פּלוצעם דערפילט, אַז זיי טוען אַן עוולה אי דער כּלל־ייִדישער קולטור אי זיך אַליין.

די גאָלדענע קייט האָט זיך אין גיכן קונה־שם געווען מיט איר ערנסטן צוגאַנג און איר רײַכן תּוכן, און באַקומען קרעדיט אַפילו בײַ העברעיִשע שרײַבערס, וואָס האָבן שוין לאַנגע יאָרן ניט אײַנגעטונקען זייער פען אין אַ ייִדיש־טינטערל.

דב סדן איז זיך מודה אין אַ בריוו צו אַברהם סוצקעווער (גאָלדענע קייט, נומ׳ 100), אַז "מיט מײַן גאַנצן פאַרבונד מיט ייִדיש, שפּראַך און ליטעראַטור, וואָלט איך אפשר אָן די גאָלדענע קייט זיך נישט אומגעקערט שרײַבן ייִדיש, נאָך אַ הפסקה פון דרײַסיק יאָר".

אליעזר שטיינמאַן האָט לכתּחילה געהאַט טענות, הלמאַי מע גייט אַרויסגעבן אַ ייִדישן זשורנאַל, און האָט אַפילו פּאָלעמיזירט דערוועגן מיט דב סדן, וואָס האָט זיך געציילט צווישן די מחותּנים פונעם שידוך. אין גיכן האָט ער אָבער אַליין אָנגעהויבן שרײַבן פאַר די גאָלדענע קייט, און דב סדן באַמערקט מיט אַ פײַנער איראָניע אין דעם פריִער דערמאָנטן בריוו: "עס איז אַ רײַכער, שפּרודלדיקער ייִדיש, וואָס האָט אים [שטיינמאַנען] אַנטפּלעקט ווי דעם בריליאַנטסטן ייִדיש־עסייִסט פון



60

פערטליאָר־שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען

שער־בלאַט פון שאַגאַל־נומער "די גאָלדענע קייט"

אונדזער דור, ווי מען קען זיך איבערצייַגן פון זייַן בוך אינטים מיט דער וועלט, וואָס איר [סוצקעווער] האָט אַרויסגעגעבן".

שרייַבערס ווי יעקב פיכמאַן און ג. שאָפמאַן, מיט לייַב־און־לעבן אַרייַנגעטאָענע אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, האָבן נאָך לאַנגע יאָרן ווידער דערפילט די פרייד פון שרייַבן אויף ייִדיש, ווי עס זאָגן עדות זייערע לידער, דערציילונגען און עסייען געדרוקט אין די גאָלדענע קייט. אַפילו אַזאַ ייִדישער שרייַבער ווי משה גראָס־צימערמאַן האָט אויך ערשט באַנייט זייַן פינקלענדיקן עסייִסטישן זשאַנער אַ דאַנק די גאָלדענע קייט.

שוין אָפגערעדט אַז די ייִדישע שרייַבערס אויף דער גאָרער וועלט האָבן דערפילט דאָס חשיבות פון אַזאַ אַכסניא ווי די גאָלדענע קייט און האָבן געהאַלטן פאַר אַ כבוד צו דרוקן דאָרטן זייערע בעסטע יצירות.

אַ דאַנק די גאָלדענע קייט איז דווקא ישראל געוואָרן דער צענטער פון ייִדיש, ניט געקוקט דערויף וואָס אין אַמעריקע האָט די ייִדישע ליטעראַטור און די ייִדישע פרעסע נאָך געפירט אַ פאַרצווייַגטע, אינטענסיווע אַקטיוויטעט.

סוצקעווערס ווizיע צו שאַפן אַ ייִדישן זשורנאַל אויף אַ מלוכישן מאַשטאַב, וואָס מע זאָל זיך מוזן רעכענען מיט אים, איז טאַקע באַלד מקוים געוואָרן. די גאָלדענע קייט איז געוואָרן ניט בלויז אַ צענטראַלער ליטעראַרישער זשורנאַל, נאָר אויך אַ געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר אויף אַ נאַציאָנאַלער מדרגה. מיט אָט דעם זשורנאַל איז צוגעקומען אַ נייַע באַזונדערע דימענסיע אין מדינת־ישראל — די ייִדיש־דימענסיע.

די ייִדישע "וועלט־ליטעראַטור" האָט זיך דווקא געטוליעט צו דער אָפּגעפונענער היים און היימלאַנד און דאָ געזוכט דאָס ביסל היימישקייט צו קאָנען ווייַטער אָטעמען אין דער פרעמד. מיטן שאַפן די גאָלדענע קייט האָבן ייִדישע שרייַבערס געקראָגן אַן אָנשפאַר און דערפילט אַז זיי האָבן דאָ אַן עמוד און אַ שליח־ציבור. אַ טייל זענען זיך געקומען באַזעצן אין לאַנד, אַנדערע זענען געקומען צו גאַסט. און ניט סתם צו גאַסט, נאָר פאַרבעטענע פון דער הסתדרות, בדרך־כלל לויט דער איניציאַטיוו פון אַברהם סוצקעווער און מיט זייַן ברייטהאַרציקער הכנסת־אורחים.

אַן אָפיציעלער, כמעט מלוכישער קבלת־פנים איז פאַר אַ ייִדישן שרייַבער ניט געווען בלויז אַ פאָרמעלער ענין, אַ שטיקל פראָווינציעלע אַמביציע, נייַערט אַ פסיכאָלאָגישע נייטווענדיקייט, אַ לעבעדיקער קוואַל צו דערהאַלטן דאָס חיות, סייַ מיט האָפענונג סייַ מיט אילוזיעס וועגן אַ צוקונפט. און די גאָלדענע קייט איז פאַר דעם אַלעמען געווען אַ לעגיטימאַציע, אַ באַווייַז אַז די פאַראָבלטע וועלט פון ייִדיש האָט אויך אַ חלק אין דער תחיה פונעם ייִדישן פאָלק.

דער פאַרמעסט צו שאַפן אַזאַ אַכסניא פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור און פאַר ייִדישע שרייַבערס איז געווען אַ דערוועגטער, גאָרניט אויפן אַלטן ייִדישלעכן שטייגער. דערציילט טאַקע סוצקעווער אין דערמאָנטן וואָרט זייַנעם צום הונדערטסטן נומער, אַז "געשווירענע פעסימיסטן האָבן פאָרויסגעזאָגט, אַז דער ערשטער נומער וועט זייַן דער לעצטער. ברייטהאַרציקע אָפטימיסטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער צאָל דרייַ. און פען־קאָלעגעס, וואָס האָבן דאָ געפאָקט און געמאָזלט פאַר ייִדיש, האָבן מיך געהאַלטן פאַר אַ פאַנטאַסט, ווען כ'האָב זיי צוגעזאָגט צען גאָלדענע קייטן — איינע נאָך דער אַנדערער".

סוצקעווער דער רעדאַקטאָר האָט געבויט דעם זשורנאַל איבער אַלע ווידעראַנאַנדן — צווישן העברעיִשע און ייִדישע שרייַבערס, פאַרטייִשע שטרעמונגען און שפאַלטונגען, קידער־ווידערס צווישן ייִדישע שרייַבערס גופא — ער האָט אים געבויט מיט דעם עקשנות פון אַ ליטוואַק און דעם התלהבות פון אַ חסיד.

און איצט, ווען דער זשורנאַל איז שוין אַריבער אַלע קריטישע גרענעצן, ווען ער האָט שוין הינטער זיך צו ערשט דעם יובל פון פופציק נומערן, דערנאָך דעם יובל פון הונדערט נומערן, און ציט זיך פאַמעלעך צו די הונדערט מיט דרייַסיק, איצט שטייט דער רעדאַקטאָר, ווי אַ טראַגישער העלד, פאַרן גרויסן בראָך: דור הולך ודור לא בא! אַ דור ייִדישע שרייַבערס איז אויסגעשטאָרבן און קיין נייַער דור איז ניט אויפגעקומען.

צווישן די אַוועקגעגאַנגענע אין דער אייביקייט פון זינט דעם ערשטן נומער גאָלדענע קייט און ביז אַצינד, אויפן שוועל פון נומער 128, וויל איך בלויז דערמאָנען אַ קליינע צאָל, לויטן אַלף־בית: שלום אַש, יוסף אָפאַטאָשו, חיים גראַדע, מאַקס ווייַנרייַך, משה יונגמאַן, ה. לייוויק, אַ. לעיעלעס, איציק מאַנגער, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, שמואל ניגער, דוד פינסקי, יעקב פרידמאַן, אַהרן צייטלין, רחל קאָרן, מלך ראַוויטש, אַריה שמרי...

הספדים און יאָרצייַטן זענען געוואָרן אַלץ אָפטער, בעת נייַע נעמען האָבן ניט געבראַכט מיט זיך די בשורה פון באַנייַונג.

אַרויסגעבערס פון ייִדישע צייַטונגען און זשורנאַלן האָבן זיך בדרך־כלל געראַנגלט מיט שווערע פינאַנציעלע פּראָבלעמען, אָדער מיט די גזירות פון אַנטיסעמיטישע מושלים. אָבער מיט אַזאַ קללה, פון הספדים און יאָרצייַטן, איז נאָך קיין רעדאַקטאָר בייַ אונדז ניט געשטראָפט געוואָרן.

די גאָלדענע קייט האָט ניט מער קיין קעגנערס הייַנט, להיפוך: איר פרעסטיזש איז געוואַקסן סייַ בייַם היימישן לייענער סייַ אין אַקאַדעמישע קרייַזן. עס שרייַבן זי אויס אוניווערסיטעטן פון דער גאָרער וועלט און עס קומען אָפרופן אַזש פון יאַפאַן. זי איז געוואָרן איינער פון די חשובסטע מקורים פאַר פאָרשערס פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, וואָרעם זי פאַרמאָגט סייַ אָפקלייַבערישן חותם פון אַן אַנטאָלאָגיע, סייַ דעם סך־הכלדיקן כאַראַקטער פון אַ ליטעראַטור־געשיכטע. זי עפנט אַ פענצטער צו די פאַרשיידנסטע לאַנדשאַפטן פון ייִדישער פּאָעזיע און פּראָזע, פון איבערזעצונגען, דער עיקר פון העברעיִש, און עסייִסטישע פאַרמעסטן. זי איז הייַנט כמעט דער אייניציקער אַדרעס און בלי־ספק דאָס בכבודיקסטע וויזיט־קאַרטל פון ייִדיש־ליטעראַטור אויף דער וועלט.

אין די אַריבער פערציק יאָר פון געראַנגל אַרום די גאָלדענע קייט האָט אַברהם סוצקעווער, דער רעדאַקטאָר, מקיים געווען מער ווי ר'האָט צוגעזאָגט און אפשר אויך מער ווי ר'האָט אַליין געחלומט.

צו־להכעיס די גוואַלדיקע אַבדות וואָס האָבן כמעט אויסגעליידיקט דעם רעזערוואַר פון ייִדיש־יצירה, איז סוצקעווער געבליבן דער זעלביקער אָנפשרהדיקער קפדן, וואָס שייך דעם ניוואָ פונעם זשורנאַל.

ער איז נאָך אַלץ מסוגל צו פירן מלחמה קעגן גראַפאָמאַנישער הפקרות, זיך שלאָגן פאַר אַ וואָרט און איבערקערן וועלטן פאַר אַ קאָמע.

די גאָלדענע קייט

פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

100

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישראל

תל־אָבֿיבֿ 1979

שער־בלאַט פון נומער 100 "די גאָלדענע קייט"

מע וואָלט געקאָנט אַרויסגעבן גאַנצע בענד פון די כּתבֿ־ידן וואָס ער האָט געפּסלט, מחמת איבערקלײַבערישער געוואָרנטקייט און יִראַת־הכּבֿוד פאַרן אָפּגעדרוקטן ייִדישן וואָרט. אַזוי האָט ער אין משך פון איבער פיר צענדליקער יאָרן אויפגעבויט דעם זשורנאַל, מיט דער וויזיע און דעם התלהבות פון אַ פּאָעט, און ער פאַרדינט בלי־ספק אַרײַנצוגיין אין דער געשיכטע פון קולטור בײַ ייִדן מיטן געהויבענעם טיטל: ריטער פון די גאָלדענע קייט.

**אַ חלק פון די אַרבעטן אויף ייִדיש האָבן געקאָנט געדרוקט ווערן אַ דאַנק דעם פאָנד אויפן נאָמען פון ישראל און עדית פּאָלאַק.**